# עולת שבת בשבתו


**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**בעזהשי"ת** | **פרשת נשא** | **שנת תשע"א לפ"ק**


## מילי דחסידותא

**כף אחת עשרה זהב:** בשמו הקדוש של הרה"ק ר' מאיר מפרעמישלאן זי"ע, כף הוא מלשון כפה עליהם הר כגיגית ואמר: כף אחת אם יהודי נותן רק כפייה אחת, בלשון אחר 'איין בייג' שמהרהר תשובה בלבו, אז נעשה עשרה זהב א **גאלדענער אידל** כי עשרה הוא 'יוד' (דברי מאיר)

## דרש דרש

**עס שטייט אין מדרש מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים ממתן תורה כתיב הכא כה תברכו את בני ישראל וכתיב התם כה תאמר לבית יעקב.**

זאגט דער **עצי חיים** זי"ע פשט אין דעם מדרש, לויט דעם וואס דער מדרש דערציילט אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט בנחלת שתי עולמות, יעקב האט גענומען עולם הבא און עשו האט גענומען עולם הזה, איז דאך שווער לכאורה ווי אזוי קענען מיר הנאה האבן פון די וועלט, דאס איז דאך גזל פון עשו'ס חלק? ענטפערן די **מפרשים**, לויט די גמרא אין מס' שבת, אז דער אייבערשטער האט געזאגט ביי מתן תורה, אז אויב די אידן וועלן נישט נעמען די תורה וועט די וועלט חרוב ווערן, ממילא קומט דאך אויס אז די אידן האלטן די וועלט מיטן מקבל זיין די תורה, האבן זיי א דין ווי מציל מזוטו של ים, אזוי מעגן זיי הנאה האבן פון די וועלט.

דאס זאגט דער מדרש מהיכן ישראל **לברכת כהנים**, פון וואו האבן אידן געקענט זוכה זיין צו ברכת כהנים, מ'טאר דאך נישט נהנה זיין פון די וועלט, אויף דעם ענטפערט דער מדרש **ממתן תורה**, ווייל ביי מתן תורה האבן אידן זוכה געווען דערצו מדין מציל מזוטו של ים.

*

**כף אחת עשרה זהב מלאה קטרת:** עס זענען באקאנט עטליכע קשיות ווי אזוי האבן אידישע קינדער געקענט מקבל זיין די תורה, א. די מלאכים האבן דאך געוואלט נעמען די תורה, און זיי האבן דאך א דין פון בר מיצרא. ב. די אידן הייסן דאך ווי אן **עני המהפך בחררה** לגבי די מלאכים. ג. ווי אזוי האבן די אידן געקענט קונה זיין די איבריגע מצוות אויסער די עשרת הדברות, עס איז דאך א **דבר שלא בא לעולם.**

זאגט דער **חיד"א** (ספר כסא דוד) אז די 3 קושיות זענען נישט שווער, ווייל די הלכה איז אז בר מיצרא גייט נישט אן אויב דאס ווערט געגעבן לשם קידושין און די תורה איז געווען א קידושין פאר אידישע קינדער.

אזוי אויך איז נישטא די קשיא פון **מהפך בחררה** ווייל נאר ווען דער קונה כאפט דאס אויס פארן עני, אבער ווען דער מוכר וויל דאס געבן פאר דעם קונה נישט פארן עני גייט נישט אן די הלכה.

ווי אויך איז נישטא די קשיא פון **דבר שלב"ל** ווייל די גאנצע תורה אלע תרי"ג מצות

## מעשה רב

### לכבוד שבת קודש

**דער הייליגער רבי ר' מענדעלע רימאנאווער זי"ע** האט איינמאל ערב שבת זיך דערזעהן אז ער האט נישט קיין פיש אויף שב"ק, און ווען עס איז שוין געווארן שפעט צום זמן האט ער באפוילן פאר זיין תלמיד דער **רבי ר' הערש פון רימאנוב זי"ע** אז ער זאל ארויפלייגן דעם טאפ אין וועלכן מען קאכט די פיש אויפן פייער, און צושטעלן דאס וואסער גרייט צום קאכן מיט די צוויבל און אלע צוגעהערן, און ער זאל די גאנצע צייט זאגן **לכבוד שבת קודש.**

פלוצלונג קלאפט אריין א איד וועלכער איז געקומען פונדערוווייטנס פראווען דעם שבת ביים **רבי'ן ר' מענדעלע** זי"ע און ער האט מיטגעברענגט מיט זיך פיש פארן רבי'ן, און דער מופת איז געווען א גרויס וואונדער אין די גאנצע שטאט.

שבת אינדערפרי ביי די סעודה האט דער רבי ר' מענדעלע געזאגט "איר זאלט וויסן אז אינאיינעם מיט די הייליגקייט פון שבת קודש קומט אראפ אויף די וועלט אלע מיני השפעות וואס איז דא אויף די וועלט, און דער מענטש וואס וויל ממשיך זיין די השפעה מוז ארויסזאגן מיטן מויל די ווערטער "**לכבוד שבת קודש**" און אזוי קומט אראפ די השפעה פון הימל.

און דאס איז וואס חז"ל זאגן **זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו,** אז די השפעה פון שב"ק ווענדט זיך אינעם דיבור, דאס וואס מען זאגט לכבוד שבת קודש, דעריבער בין איך געווען זיכער אז דורכן זאגן לכבוד שבת קודש וועט זיין א השפעה פון פיש.

מיט דעם האט דער **רבי ר' הערש מרימאנוב זי"ע** געטייטשט דאס וואס רש"י הק' זאגט **אמור להם כמו זכור שמור,** ווייל רש"י איז שווער געווען פארוואס שטייט **אמור להם,** פארוואס וואלט נישט גענוג געווען ווען עס שטייט **כה תברכו את בני ישראל יברכך וגו',** אויף דעם זאגט רשי אז אמור להם דער כח פון ארויסזאגן די ברכות מיטן מויל ביי ברכת כהנים איז די זעלבע כח כמו זכור ושמור ווי די השפעה פון שב"ק, און אזוי ווי שבת קודש איז מען ממשיך די השפעה מיטן דיבור, אזוי איז אויך ביי ברכת כהנים.

איז מרומז אין די תורה ממילא איז דאס שוין געווען **בא לעולם**.

דאס איז פשט אין פסוק דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן, איי עס איז דאך א **עני המהפך בחררה** איז דער תירוץ **כף אחת**, וויבאלד דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה מיט איין האנט די רעכטע האנט, דאס איז **מימינו אש דת למו**, האט ער מגלה דעת געווען אז ער וויל דאס נאר געבן פאר די אידן.

און אלס די קשיא פון בר מיצרא איז די תירוץ עשרה זהב וואס איז א רמז אויף די שני לוחות מצומדות וואס זענען געווען ווי קידושין, און ביי קידושין איז נישטא די קשיא פון בר מיצרא.

און בנוגע די קשיא פון **דבר שלא בא לעולם**, איז דער תירוץ **מלאה קטרת** און ווי רש"י זאגט אז **קטרת** איז בגימטריא **תרי"ג** ווען מ'טוישט אויף **ד-ק** (לויט די חילופי אותיות פון את-בש), אז אלע **תרי"ג מצות** זענען מרומז אין די תורה, ממילא איז דאס נישט געווען קיין **דשלב"ל**.

*

**זאת עבודת משפחות הגרשוני לעבוד ולמשא:**

דער צדיק **הרה"ק רבי אלימלך פון גראדזיסק זצ"ל** האט אויסגעטייטש דעם פסוק מיט א שטארקע בחינה אין עבודת השם.

דער עיקר ציהל פון לימוד התורה איז אז א איד זאל דורכדעם צוקומען נענטער צום אייבערשטן, זיין גוף זאל ווערן אויסגעלייטערט, אזוי אז אפילו ווען ער איז עוסק בעניני גשמיות, ביים עסן און טרינקען, זאל ער אויך אינזינען האבן צו טון דורכדעם א נחת רוח ליוצרו, און אלע זיינע מעשים אין וואס ער איז עוסק איבערן טאג זאל זיין מיט א ריינע כוונה בלתי לה' לבדו.

צו די מדריגה קען יעדער איד זוכה זיין אז מ'שטרענגט זיך אן צו לערנען תורה לשמה, וואס דורכדעם איז מען "זוכה לדברים הרבה".

טייטשט ער דעם פסוק זאת די תורה וואס ווערט אנגערפן **זאת**, ווי עס שטייט **וזאת התורה**, **עבודת משפחות הגרשוני**, איז די עבודה פונעם לערנען צוזאמען צונעמען אלע פארטריבענע, אלע גשמיות'דיגע זאכן וואס א מענטש טוט אויף די וועלט, **לעבוד**, אז מ'זאל מיט דעם אויך דינען דעם אייבערשטן, **ולמשא**, און מ'זאל דאס אויפהייבן זייער הויך.

# מילי דשמעתתא

## בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שלישי

## הכנה לקבלת התורה

*

**אתם ראיתם וגו' ואשא אתכם וגו' ואביא אתכם אלי, ועתה אם שמוע תשמע בקולי והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל.**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט **ואשא**, **ואביא** וואס דאס איז א לשון עתיד, עס האט דאך געדארפט שטיין **ונשאתי אתכם, והבאתי אתכם**, ווייל די אלע זאכן זענען דאך שוין געווען.

ענטפערט דער **ייטב פנים** א הערליכן תירוץ: ווייל לכאורה איז דא שווער א קשיא פארוואס האט השי"ת ארויסגענומען די אידן פון מצרים פאר די צייט, איז דא א תירוץ פון די קדמונים אז די אידישע קינדער האבן געהאט א הלכה ווי הקדש, ווייל זיי גייען מקבל זיין די תורה, און די הלכה איז, אז הקדש מפקיע מידי שיעבוד.

לכאורה איז אבער די קשיא נאכנישט פארענטפערט, ווייל בשעת יציאת מצרים האבן זיי נאכנישט געהאט קיין דין הקדש, און מתן תורה איז דאך א **דבר שלא בא לעולם**, און מיר האבן דאך געלערנט די וואך אין די גמרא אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם.

קען מען פארענטפערן די קשיא אויף פיר אופנים.

א. מיר האבן געלערנט אין די גמרא **כל שבידו לאו כמחוסר מעשה דמי**, ממילא וויבאלד השי"ת דער כל יכול, קען זיי דאך מאכן הקדש יעדע רגע, ממילא האבן זיי שוין אן הלכה ווי **הקדש**.

ב. די **מפרשים** ברענגען אז אין מס' גיטין (דף מ"ה ע"א) קען מען זיך אויפדרינגען אז אפילו דער מאן דאמר אז אין אדם מקנה **דבשלב"ל**, אבער ביי די הלכה פון רבי ווען איינער זאגט פאר זיין **עבד לכשאקחך תהא עצמך קנוי לך מעכשיו**, האלט יעדער אז דער עבד איז באפרייט אפילו עס איז א דבשלב"ל, פארוואס? - איז דער **ייטב פנים** מסביר - ווייל פונקט ווי מען זעהט אז ווען איינער איז מקנה דבשלב"ל פאר זיין זון איז ער דאס קונה, ווייל באמת איז מען נישט קונה א **דבר שלב"ל** ווייל וויבאלד די זאך איז נאך נישט אויף די וועלט האט מען מורא אז דער מקנה וועט צוריק ציעהן אבער ביי א זון ווייסט מען זיכער אז דער טאטע וויל אים דאס באמת געבן, און ער וועט נישט צוריק ציעהן.

די זעלבע זאך, דער וואס גייט דא באפרייען דעם עבד, טוט דאך א גרויסע מצוה ווייל ער איז אים מכניס תחת כנפי השכינה, איז זיכער אז ער וועט נישט צוריקציעהן פון אזא גרויסע מצוה. דעריבער איז יעדער מודה אז ער קען אים באפרייען אפילו ער איז א דבר שלא בא לעולם.

גייען זיי ארייננגיין תחת כנפי השכינה, איז דאך דאס א גרויסע מצוה, איז דאך זיכער אז השי"ת וועט נישט צוריק ציעהן.

ג. ווייל מיר האבן געלערנט אין תוספות אז ביי קדושת הגוף זאגט מען אז אדם מקנה **דבשלב"ל**, און אידן זענען דאך געווארן הקדש, ממילא האט עס חל געווען אפילו עס איז געווען א דבשלב"ל.

ד. מיר האבן שוין פריער דערמאנט אז א טאטע פאר א זון איז יא מקנה א **דבר שלא בא לעולם**, און וויבאלד אידישע קינדער האבן א דין בנים למקום, זענען זיי יא געווארן אזוי ווי הקדש.

דאס זאגט דא דער פסוק **ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי**, וואס דאס איז א לשון עתיד, און מען טייטשט דאס מיט א לשון עבר, צו ווייזן אז אפילו די הלכה פון הקדש איז דאך געווען לעתיד, ווייל זיי זענען דאך געווארן הקדש ביי מתן תורה, דאך האט שוין דער קנין חל געווען לשעבר, און זיי האבן געקענט ארויסגיין פון מצרים פאר די צייט.

פארוואס? עס איז דאך א **דבר שלא בא לעולם**?

זאגט דער פסוק ווייטער אלע פיר תירוצים 1) **כי לי כל הארץ**, די וועלט איז מיינס און איך קען טון וואס איך וויל, ממילא איז בידי צו מאכן די אידן שוין הקדש. 2) **ואתם תהיו לי ממלכת כהנים**, און עטס וועטס מקיים זיין אלע מצוות תחת כנפי השכינה, און ביי אזא פאל איז זיכער אז דער אייבערשטער וועט נישט צוריק ציעהן. 3) **וגוי "קדוש"** אז אידן זענען געווארן הקדש **קדושת הגוף**, און הקדש **קדושת הגוף** איז חל אפילו אויף א **דבשלב"ל** 4) **אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל**, אז די אידן זענען דעם אייבערשטנס קינדער און זיי האבן א דין בנים למקום, איז מען מקנה אפילו א **דבשלב"ל**. (ייטב פנים לשבועות אות י').